**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 7.6 מיליאן דאלאר דא צו באקומען צו שטיצן פארבעסערונגען פאר חיות שעלטערס**

***קרוב צו 30 מיליאן דאלאר שוין צוגעטיילט פאר דעם פראגראם ביז היינט***

***פינפטע רונדע פון די שטוב חיות אינוועסטירונג פראיעקטן קאסע זעצט פאר צו שטיצן קאנסטרוקציע, רענאוואציע און פארברייטערונג פראיעקטן ביי חיות שעלטערס***

גאווערנאר קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 7.6 מיליאן דאלאר איז דא צו באקומען צו שטיצן חיות שעלטערס און צער בעלי חיים ארגאניזאציעס צו מאכן קריטישע פארבעסערונגען צו ניו יארק'ס חיות שעלטערס. דאס איז די פינפטע רונדער פון פינאנצירונג פאר ניו יארק סטעיט'ס 'שטוב חיות אינוועסטירונג קאסע' (Companion Animal Capital Fund), דער ערשטער סטעיט-פינאנצירטער פראגראם אין דאס לאנד צו צושטעלן געלט פאר שעלטער פארבעסערונג פראיעקטן. פינאנצירטע פראיעקטן וועלן פארבעסערן די קעיר פאר די חיות און העלפן פארזיכערן אז ניו יארק'ס הינט און קעץ ווערן אדאַפּטעד.

"אונזער שטוב חיות אינוועסטירונג קאסע האט געמאכט אן עכטע חילוק פאר שעלטערס אריבער ניו יארק סטעיט און פאר די חיות אין זייער אויפזיכט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו אנאנסירן די לעצטע רונדע פון פינאנצירונג וואס וועט פארזעצן צו ארויפבויען אויף די געוואלדיגע ארבעט פון דעם פראגראם, און נאך וויכטיגער: העלפן אונזערע חיות בלייבן צופרידן און געזונט אין די צייט וואס זייווארטן פאר זייערע קביעות'דיגע היימער."

די היינטיגע אנאנס ברענגט די סך הכל געלטער וואס זענען צוגעטיילט געווארן פאר דעם פראגראם צו איבער 27.5 מיליאן דאלאר זינט 2017. ביז היינט אונטער דעם פראגראם, האבן 58 פראיעקטן אריבער די סטעיט באקומען געלטער און 26 פראיעקטן זענען שוין פולשטענדיג פארענדיגט געווארן. אין 2022 האט גאווערנער האקול ארייגעלייגט די שטוב חיות אינוועסטירונג קאסע אין איר פארגעשלאגענע עקזעקיוטיוו בודזשעט צום ערשטן מאל אין די היסטאריע פון דעם פראגראם, ארויסווייזנדיג איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט פאר ניו יארק'ס שטוב חיות. אין די ענדגילטיגע דורכגעפירטע ניו יארק סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023 האט דער פראגראם באקומען א היסטארישע 8 מיליאן דאלאר פאר די קומענדיגע רונדע.

ווערנדיג פארטיילט דורך די דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets), שטעלט די שטוב חיות אינוועסטירונג קאסע צו 'מעטשינג פאַנד' גרענטס פאר שעלטערס און צער בעלי חיים ארגאניזאציעס צו ארויסהעלפן מיט די קאסטן פון אינפראסטרוקטור פראיעקטן, ווי צוםביישפיל רענאווירן קליינע הונט הייזער/קעידזשעס, פארבעסערן מעדיצינישע איינריכטונגען אדער בויען מער שפארזאמע שעלטערס צו רעדוצירן די קאסטן פון אפעראציע. די געלטער ווערן אויך גענוצט צו בויען, רענאווירן, איבערמאכן אדער איינקויפן געביידעס און עקוויפּמענט וועלכע זענען נויטיג צו צושטעלן א היים

פאר- זיך אפגעבן מיט- און באהאנדלען הינט און קעץ. די דעפּארטמענט וועהלט אויס ווער עס וועט באקומען גרענטס לויט אן אפשאצונג פון די וויכטיגקייט, דעטאלירטע פראיעקט שילדערונג און לויט די שכל'דיגקייט פון די קאסטן.

צוויי איינלאדענונגען פאר פארשלאגן (Request for Proposal, RFP) זענען ארויסגעגעבן געווארן אין די 5'טע רונדע פון דעם פראגראם:

- **RFP 0289**:
  - 6.6 מיליאן דאלאר איז דא צו באקומען צו שענקען גרענטס צווישן $50,000 און $500,000 פאר לאקאלע רעגירונגען און אינקאָרפּארעיטעד נאָנ-פּראַפיט פאַונדס, שעלטערס און צער בעלי חיים ארגאניזאציעס.
  - קערפערשאפטן וועלכע האבן באקומען געלט דורכאויס פאריגע רונדערס פון די שטוב חיות אינוועסטירונג געלעגנהייטן זענען בארעכטיגט צו אפּלייען פאר געלטער אונטער די RFP. פראיעקטן וועלכע זענען פינאנצירט געווארן בעפאר מוזן פארענדיגט ווערן בעפאר א קערפערשאפט קען אפּלייען פאר געלטער.
- **RFP 0290**:
  - 1 מיליאן דאלאר איז דא צו באקומען אין גרענטס צווישן $50,000 און $200,000 פאר פאונדס, שעלטערס און צער בעלי חיים ארגאניזאציעס וועלכע ווערן נישט אנגעפירט דורך- און זענען נישט אונטער קאנטראקט מיט א לאקאלע רעגירונג אבער זענען רעגיסטרירט ביי די דעפּארטמענט.

**סטעיט אגריקולטור קאמישאנער, ריטשארד א. באל, האט געזאגט,** "די דעפּארטמענט האט געפייערט די פארענדיגונג פון פראיעקטן ביי חיות שעלטערס ארום ניו יארק און האט געזעהן די השפעה פון אונזער שטוב חיות אינוועסטירונג קאסע פראגראם. דורך די פארגאנגענע פיר רונדעס האבן מיר געהאלפן אונזערע הינט און קעץ צו זיין מער זיכער און צופרידן דורכאויסן זיין ביי שעלטערס אין די צייט ווען זייווארטן צו אריינגיין אין קביעות'דיגע היימער. איך בין שטאלץ צו זעהן דעם פראיעקט פארזעצנדיג צו מאכן א חילוק פאר ניו יארק'ס שעלטערס און צער בעלי חיים ארגאניזאציעס, און איך קוק ארויס צו באזוכן מער פון די באגייסטערנדע, פארענדיגטע פראיעקטן אין די צוקונפט."

**סטעיט סענאטארשע מישעל הינטשי האט געזאגט,** "אונזערע לאקאלע חיות שעלטערס זענען ערי מקלט פאר שוצלאזע חיות, און די שטוב חיות אינוועסטירונג קאסע האט געשפילט גאר א וויכטיגע ראלע ביים העלפן ניו יארק'ס שעלטערס צו דורכפירן קריטישע פארבעסערונג פראיעקטן כדי מער חיות זאלן קענען געראטעוועט ווערן. אלץ טשעיר פון די סענאט אגריקולטור קאמיטע און נייע מאמע פאר א געראטעוועטע קאץ, שטיץ איך שטארק אונזערע לאקאלע חיות שעלטערס, און איך בין באגייסטערט אז די לעצטע רונדע פון גרענט געלטער איז יעצט דא צו באקומען צו העלפן האלטן חיות זיכער אין די צייט ווען זיי ווארטן פאר זייערע קביעות'דיגע היימער."

**אסעמבלי מיטגלידערין דאַנע לופּאַרדאָו, טשעיר פון אסעמבלי אגריקולטור קאמיטע, האט געזאגט,** "די שטוב חיות אינוועסטירונג קאסע איז קריטיש צו העלפן שעלטערס מאכן גאר נויטיגע פארבעסערונגען. נייע, פארברייטערטע אדער רענאווירטע איינריכטונגען וועלן ערלויבן די ארגאניזאציעס צו פארזעצן צו צושטעלן פאר היימלאזע חיות די קעיר פון די העכסטע קוואליטעט בשעת זיי ווארטן צו אדאַפּטעד ווערן אין קביעות'דיגע היימער. איך וויל באדאנקען די גאווערנער און מיינע קאלעגן פארן פארזעצן צו שטיצן די וויכטיגע קאסע וואס דינט אלץ א רעטונג שטריק פאר די שווער-ארבעטנדע ארגאניזאציעס און די חיות אין זייער אויפזיכט."

**ליבי פּאָוסט, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון די New York State Animal Protection Federation (ניו יארק סטעיט חיות באשיצונג פעדערעישען), האט געזאגט,** "ווען די שטוב חיות אינוועסטירונג קאסע

האט זיך אנגעהויבן האבן מיר געוואוסט אז עס וועט מאכן אן אמת'דיגע חילוק פאר חיות שעלטערס אריבער די גאנצע סטעיט. מיט די גרענטס פון די יעצטיגע RFP וועט ניו יארק האבן אינוועסטירט 28 מיליאן דאלאר צו פארבעסערן די לעבנס פון היימלאזע שטוב חיות וועלכע זענען אין אויפזיכט אין א שעלטער. גאווערנער האקול האט אנערקענט די וויכטיגקייט פון די געלטער ווען זי האט אריינגעלייגט 5 מיליאן דאלאר אין איר ערשטע עקזעקיוטיוו בודזשעט. אונזערע לעגיסלאטיווע שתדלנים, אסעמבלי מיטגלידערין דעבארע גליק און סטעיט סענאטאר דזשאָו עדעבאָו האבן אריינגעלייגט נאך 3 מיליאן דאלאר דורך די בודזשעט פראצעדורן אין די אסעמבלי און סענאט. די רונדע וועט צולייגן צו די 51 שעלטערס און צאללאזע חיות וועלכע האבן שוין בענעפיטירט פון די קריטישע געלטער, און עס וועט גיין א לאנגע וועג צו באררייכערן די לעבנס פון די מיט וועם מיר גיבן זיך אפ יעדן איינציגן טאג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418